# אָקספֿאָרדער ייִדיש

I

רעדאַקטאָר

הירשע־דוד קאַץ

האַרוואוד אַקאַדעמישער פֿאַרלאַג
בשותּפֿות מיטן
אָקספֿאָרדער צענטער פֿאַר העכערע העברעאישע שטודיעס

אָקספֿאָרדער ייִדיש

# *OKSFORDER YIDISH*

# A YEARBOOK OF YIDDISH STUDIES

I

**Edited by**
**Dovid Katz**

harwood academic publishers
in cooperation with the
Oxford Centre for Postgraduate Hebrew Studies

ISBN 3-7186-4979-9
ISSN 1044-3614

# זייגערמאַכערײַ אין מיכאַלישעק

פֿון
מעינקע קאַץ
ספּרינג גלען, ניו־יאָרק

## I

## אַ וואָרט אָדער צוויי וועגן מיכאַלישעק

אין שטעטעלע מיכאַלישעק, לעבן ווילנע, ירושלים דליטע, האָבן מײַנע אור־אור עלטערן געוואוינט הונדערטער יאָר (מיר פֿלעגן ניט זאָגן *געוואוינט* נאָר *געוווינט* אָדער *געפֿרייט זיך*). לויט מײַן זיידן אהרן־וועלוול איז אונדזער משפּחה געווען אין מיכאַלישעק אַרום זעקס הונדערט יאָר, צווישן די ערשטע יידן וואָס האָבן זיך באַזעצט אין דער ליטע, ווי די אַלטע פּנקסים אין מיכאַלישעק האָבן געווידן.

מיכאַלישעק איז געווען אַ קליין אינדזעלע, אַרומגעצאָמט פֿון דעם וויליע־טײַך.

ווען מיר האָבן באַדאַרפֿט אַרויס פֿון שטעטל פֿלעגן מיר אָפֿט הייזעריק ווערן שרײַענדיק, רופֿנדיק דעם ליטווינער, דעם באָרוועסן „קאַפּיטאַן" יורקע ביז ער האָט אונדז דערהערט און איז געקומען מיטן פּאַראָם אונדז אַריבערפֿירן אויף יענער זײַט טײַך. דער פּאַראָם איז שוין געווען זייער אַלט, קדמוניותדיק, ווי

אַרויסגעשוואומען פֿון ששת ימי בראשית. די פֿלאָקנס וואָס מיר פֿלעגן רופֿן האַלאָבליעס, אַרומגעבונדן מיט שלעפּ־שטריק האָט שוין די צייט צעגעסן. ס׳איז געווען אַ סכּנה צו האַלטן זיך אָן די פֿוילנדיקע פּאַרענטשעס, בײַ די זײַטן פֿון פּאַראָם. ס׳פֿלעגט טרעפֿן אַז עמעצער פֿלעגט אַרײַנגליטשן זיך אין ווילי־טײַך. אָבער כּמעט אַלע מי־כאַלישקער זײַנען געווען גרויסע שווימער און פֿלעגן צוריקשווימען גרינג צום פּאַראָם.

מיר, ייִנגלעך, האָבן דעם פּאַראָם געזען ווי אַ תּיבֿה פֿון די מי־נח וואָס איז מגולגל געוואָרן אין די מי־מיכאַלישעק. ווען ס׳איז געווען אַ גרויסער ווינט פֿלעגט דער פּאַראָם זיך צעשפּוזשען (יאָגן ווי אַ ווילדער פֿערד); אין רואיקע טעג קריכן ווי אַ טשערעפּאַכע. אָפֿט איז דער פּאַראָם קאַליע געוואָרן, געבליבן הוידען זיך אין מיטן טײַך. מײַן חבֿר יאָסקע־צירלס פֿלעגט חוזקן: „די תּיבֿה וועט דאָ היניען (זאַמען זיך) אַ יאָר מיט אַ מיטוואָך, אויב מיר וועלן זײַן מזלדיק וועלן מיר אפֿשר אין הונדערט פֿופֿציק טעג אַרום גרייכן די בערג פֿון אררט".

אויף יענער זײַט טײַך האָבן זיך געוועלדערט וועלדער ביז אין דער ווײַטער ווײַט אַרײַן, אָן אַ מאָס, אָן אַ סוף. וויפֿל וויאָרסט קען זײַן פֿון אָנהייב ביזן סוף פֿון זאַבאָרטשער וואַלד? אין שיעור, אין לשער. די וועלדער האָבן געהילכט מיט קולות פֿון כלערליי בעלי־חיים. אין זאַבאָרטשער וואַלד האָבן זיך געפּלאָדיעט (געהאָדעוועט) שוואַרצע בערן, מיט לאַנגע צעשויבערטע האָר, מיט קורצע פֿיס און שטאַרקע פֿוס־נעגל. אָט דער מין בערן האָט זעלטן געטשעפּעט מענטשן, האָבן נאָר געגרימט מיט צאָרן ווען מ׳האָט פּרובירט גלעטן די קינדער־בערעלעך. אָט די בערן פֿלעגן ווינטערן אין היילן, אין אויסגעהוילטע ריידיקע ביימער. זיי זײַנען געווען גוטע בערן. מיר האָבן פֿאַר זיי ניט מורא געהאַט. די בערן האָבן האָלט געהאַט נאַשן האָניק, באַפֿאַלן בינשטאָקן, פֿלעגן זיך פּאָסמאַקעווען (קוויקן זיך, שטאַרק הנאה האָבן) ווי פֿון אַ מאכל מלכים, פֿון די אייער פֿון פֿייגל־נעסטן און פּאַרבײַסן מיט חזיר־ניסלעך, וואָרצלען און פֿלאַנצן. קליינע בערעלעך, ווי שטיפֿערישע קינדער פֿלעגן זיך שפּילן מיט די סטרוזשקעס (צעהובלעוועט האָלץ) וואָס זײַנען געבליבן פֿון צעזעגטע ביימער. געווען אויך קינדער־בערעלעך וועלכע פֿלעגן מאַכן קונצן: די פּאַיאַצן פֿון וואַלד.

אין זאַבאָרטשער וואַלד זײַנען אויך געווען מינים בערן וועלכע האָבן זיך

פֿאַרקליבן נאָענט צו דערפֿער: פֿלייש־פֿרעסער פֿלעגן גנבֿענען יונגע חזירימלעך און אַנדערע קליינע חיהלעך. אָט די בערן פֿלעגן זיך קערן פֿאַוואָליע, כמעט אומגעלומפּערט, אָבער פֿלעגן לויפֿן גיך, ספּעציעל איבער קורצע שטחים. ווען זיי זײַנען געווען אין סכּנה צעמעסערט ווערן פֿון די פּויערים: פֿלעגן קלעטערן אויף ביימער, באַהאַלטן זיך אונטער גרודעס בלעטער, אין טיפֿעניש פֿון וואַלד; פֿלעגן אָפּט באַצאָלן מיט זייערע לעבנס פֿאַר אַ געגזלטן חזירל.

רופֿקע, דער מטורף האָט אַמאָל אין מיטן נאַכט געמאַכט אַ גוואַלד אַז אַלע בערן וואָס אלישע, דער נבֿיא פֿון מלכות ישראל האָט מיט אַ קללה אַרויסגעפֿירט פֿון גיא צלמות, כּדי צו פֿאַרצוקן (פֿאַרשלינגען) צוויי־און־פֿערציק קינדער ווײַל זיי האָבן אים גערופֿן ליסעקאָפּ (פּליכעוואַטער), לויפֿן איצטער איבער מיכאַלישעק ממיתן קינד און קייט.

אין מיכאַלישעק פֿלעגט מען נוצן „בער־גראַמען". ווען מ'פֿלעגט האַלטן אַז דער ענין איז געענדיקט, פֿלעגט מען זאָגן: „אַ בער אָן אַן עק, די מעשה איז אַוועק".

ס'איז געווען נאָר איין חסידיש שטיבל אין מיכאַלישעק. וועלפֿקע גרײַז, אַ בן תשעים איז געווען אַ ווײַסער חבֿרהניק, אַן אַלטער שטיפֿער, ווי ער וואָלט דערלעבט אַ צווייטע קינדהייט. ער פֿלעגט אין חסידישן קלײַזל צושפּילען גלעקלעך אויף די קאַפּאָטעס. ווען זאָסקע, דער אונטער־שמש האָט אים אַרויסגעטריבן דורך דער טיר איז ער אַרײַנגעקראָכן דורכן פֿענצטער. אין די טעג פֿון יום־טובֿ, ווען די כּהנים פֿלעגן, בײַם מוסף, אויסטאָן די שיך, שטייען אויף דער בימה אין זאָקן און דוכֿנען, בײַם נשיאת כּפּיים, מיט טליתים איבער די קעפּ, בענטשן דעם מנין חסידים, פֿלעגט ער באַהאַלטן די שיך פֿון די כּהנים און שרײַען: ס'איז אַ חטא צו דערלאָזן אַ חסידישע כּנופֿיא פֿאַרשעמען דעם יום־טובֿ פֿון אונדזער מתנגדישן מיכאַלישעק.

דורך די לאַנגע ווינטער־נעכט פֿלעגן מיר, קינדער, זיך צוהערן צו די מעשיות פֿון חיים־מאיר, „דער סווירער בעטלער" (פֿון שכנותדיקן שטעטל סוויר), בײַ דער שײַן פֿון אַ קינעלע (אַן אָנגעצונדן ברעטל וואָס מ'פֿלעגט אַרײַנשטעלן אין לאָך פֿון אַ וואַנט כּדי אײַנצושפּאָרן אַ ליכטל). ער פֿלעגט דערציילן וואונדער און שווידער־מעשיות אַז אין דעם שכנותדיקן וואַלד זאַבאָרטשע פֿלעגט בטלן חצות מדיקין,

מלאכֿי חבלה; אַז אין וואַלד געפֿינט זיך אַ בלוט־שטעג. יעדער מענטש וועלכֿער האָט ווען עס איז געשטעלט אַ פֿוס דאָרטן איז שוין קיין לעבעדיקער ניט אַרויס, ווײַל איבער אָט דעם בלוט־שטעג שפרײַזט דער ריז פֿון האָצעפלאָץ; מיט הענט, ווי ריב־אײַזנס צעמאָלט ער יעדן מענטשן. פֿון זײַן יעדן קוק פֿאַלן ביימער פֿאַר שרעק. אַ כלה וועלכֿע האָט פֿאַר דער חופה פֿאַרבלאָנדזשעט דאָ האָט איבערגעלאָזט פֿון זיך נאָר אַן אײנציקן שפור: איר באַבלומטן צאָפּ. פֿון ליאָלקע, דעם גיבור וועלכֿער איז דאָ געקומען אָנקוקן דעם ריז, אויג אויף אויג, האָט מען געפֿונען נאָר אַ הויפֿן באָרד, שוועבן אין ווינט.

ווען מיר, ייִנגלעך, האָבן געלערנט די גמרא חגיגה און דער רבי, שמואל־יאַנקל דער מלמד, האָט מיט אונדז געקנעלט וועגן דרײַערליי מלאכֿים האָט חיים־מאיר, דער סווירער בעטלער, אונדז פֿאַרזיכֿערט אַז זיי זײַנען דרײַערליי שדים וועלכֿע פֿליען פֿון מיכֿאַלישעק איבער אַלע עקן וועלט, אַז זיי זײַנען אַשמדאַיס שלוחים, שפרייטן חושך אַפֿילו אין די תמוז טעג. ער פֿלעגט טראָגן צוויי פּאָר ציצית. ער פֿלעגט זאָגן: אַ הונט האָט מורא פֿאַר אַ שטעקן, אַ רוח פֿאַר ציצית.

וועגן אַשמדאַי, דעם מלך פֿון די שדים פֿלעגט דער מלומד יעיכֿעלע קורדופֿ (אַ קורדופֿ איז אַ ליליפוט, אַ קאַרליק) זאָגן אַז אַשמדאַיס אמתער נאָמען איז עשמאַ־דאַיעוואַ, אויך אַשמדאַי מלכא, ווי ער הייסט אין מדרש תהילים.

אונדזער רבי האָט ניט גענוצט קיין קאַנטשיק, נאָר בײַסיקע ווערטלעך. ווען אַ ייִנגל האָט אַוועקגענומען די אויגן פֿון דער גמרא, פֿלעגט ער זאָגן: דײַן קאָפּ איז אין גושן, די פֿיס אין מצרים. דער רבי האָט געהאַלטן אַז ס'איז אַ גרויסער חטא צו גלייבן אין שדים. שדים לעבן אין חלומות פֿון נאַראָנים. אונדזער רבי איז אויך געווען אַ גראַמען־פֿלעכֿטער. ער פֿלעגט זאָגן: אַ חלום איז אַ נאַר, דער טאָג איז אַ האַר; שטויס אַ נאַר אין אַ שטויסל, זאָגט ער אַז מ'מיינט ניט אים נאָר דעם פֿעפֿער; אַ נאַר און שטאָלץ וואַקסן אויף איין האָלץ. חיים־מאיר, דער סווירער, וועלכֿער פֿלעגט, בײַם בעטלען, שטענדיק זאָגן: „גיב מיר בעסער הײַנט אַן איי איידער מאָרגן אַ הון”, פֿלעגט ענטפֿערן דעם רבין: „רוף מיר נאַר, נאָר גיב מיר לעקעך”.

אַמע די צעדרייטע בעטלערקע פֿלעגט טיילן אָרעמע קינדער פֿון איר בעטלער ברויט, האָט געלערנט מיידעלעך מאַכֿן פּאָפּקעס (ליאַלקעס) פֿון ערד,

שטיקלעך שמאַטעס און קאָלירטן פּאַפּיר. די מיידעלעך, ווי קליינינקע מאַמעס, פֿלעגן פֿאַרוויגן די ליאַלקעס מיט ברכות און האַרציקע שלאָף־לידעלעך. אַמע פֿלעגט זיי דערציילן שרעק־מעשׂיות, צוזאָגן אַז אויב אַ מיידעלע וועט שטאַרבן וועט די אַרײַנלייגן אַ פּאָפּקע אין קינדישן קבֿר די זאָל האָבן מיט וואָס צו שפּילן זיך אין קבֿר.

אַחוץ פּשוטע עמך איז דאָס אָרעמע שטעטעלע מיכאַלישעק געווען רײַך מיט מלומדים. ס'זײַנען געווען ייִדן פֿאַרטיפֿט אין די ספֿרים פֿון די גדולים פֿון דער ליטע ווי ר' שבתי כהן (דער ש"ך, 1662-1621), ר' משה רבֿקאָש (דער באר הגולה, געשטאָרבן אין ווילנע אין 1671). מ'האָט אויך געפֿילט שטאַרק די השפּעה פֿון ווילנער גאון (רבי אליהו, 1797-1720). ס'זײַנען געווען חלוקי־דעות וועגן דעם מיכאַלישקער פּאָעט אדם הכהן (1878-1794). אד"ם איז ראשי־תיבֿות: אבֿרהם דובֿ־בער מיכאַלישקער, דער אמתער נאָמען איז געווען אבֿרהם דובֿ־בער לעבענזאָהן. מלומדים האָבן געלערנט זײַן *אמת ואמונה*, *כליל יופֿי*. זײַנע פּירושים אויף ירמיהו, יחזקאל און תרי־עשׂר. עמך האָט אים געגעבן אַ צונעמעניש: בערקע אַפּיקורס, אָדער פּשוט בערקע מיכאַלישקער.

מײַן ברודער עלציק עליו השלום, פֿלעגט אויך לייענען דעם פּאָעט מיכה יוסף (1852-1828), אדם הכהנס זון. מײַן ברודער עלציק איז געבליבן אויפֿן מיכאַלישקער בית־עולם. אין דעם ייִנגלשן עלטער פֿון זיבעצן און אַ האַלב יאָר. מײַנע לידער־ביכער זײַנען פֿול מיט לידער צו אים. אָט זײַנען נאָר עטלעכע שורות:

עלציק, ברודער מײַנער, אויף דעם מיכאַלישקער בית־עולם.
אויב שטאַרבן אין ירושלים איז מיר באַשערט,
ברענג מיר צוקאָפּנס אַ הויפֿן מיכאַלישקער ערד.
כ'זאָל ווערן ווי דו, טרויער פֿון מיכאַלישקער בית־עולם.
נאָר אויב ס'האָט דער דײַטש צעבײַטשט אויך דעם טויט פֿון בית־עולם,
(אוי, וואָס איז הייליקער פֿון מיכאַלישקער ערד?)
ברענג מיר אַ הויפֿן הימל פֿון מיכאַלישקער בית־עולם.

II

## מײַן פֿעטער אַוורעמקע, ד"ר זייגערמאַכער

מײַן פֿעטער אַוורעמקע, דער זייגערמאַכער איז געווען דער ערשטער אין מיכאַלישעק געקרוינט צו ווערן מיט דעם טיטל דאָקטאָר, נאָר די פּיפּערנאָטער־פֿליג (דראַקון, ליבעלע) האָט מען אויך גערופֿן דאָקטאָר, דאָקטאָר פֿון שלאַנגען, צוליב די לעגענדעס וואָס מיר האָבן געהערט, ווי אַזוי און פֿאַרוואָס די פּיפּערנאָטער־פֿליג פֿלעגט היילן קראַנקע שלאַנגען.

אין מיכאַלישעק איז נישט געווען קיין דאָקטער, נאָר אַ פֿעלדשער וועלכער האָט זיך אויסגעלערנט שטעלן פּיאַווקעס און אַנדערע באַבסקע רפֿואות פֿון זײַן טאַטן, דער טאַטע פֿון זיידן, אַזוי ביז הונדערטער יאָרן צוריק. כאָנקע דער פֿעלדשער פֿלעגט כאַפּן די פּיאַווקעס אין זומפּן, אָסיען־צײַט, אין די בלאָטעס פֿון חזיר־געסל, אין סאַדזשלקעס, קאַלודזשעס, אויך בײַ די ברעגן פֿון ווילִיע־טײַך. ער איז געווען אַ מומחה איבער פּיאַווקעס. ער פֿלעגט זאָגן: אַ גוטע פּיאַווקע מוז האָבן דרײַ קלאָרע ציינדעלעך צו קענען אַרײַנבײַסן זיך אין גוף פֿון חולה. אַ גוטע פּיאַווקע מוז האָבן צען פּאָר אויגן, צו קענען זען גרונטיק, אַרויסצוזויגן נאָר דאָס שלעכטע בלוט. כאָנקע, דער פֿעלדשער האָט גענוצט אַזויפֿל פּיאַווקעס צו היילן זײַנע חולאים אַז לצים האָבן אים צוגעטיילט אַ צונאָמען: כאָנקע, די פּיאַווקע.

דער פֿעטער אַוורעמקע האָט מיט מיר געלערנט זייגערמאַכערײַ. ער האָט געזאָגט: ווען דער רבונו של עולם האָט באַשאַפֿן דעם ערשטן מענטשן, אדם הראשון, האָט ער געבראַכט צו אים די חיות פֿון פֿעלד, פֿייגל, בהמות, איטלעכע לעבעדיקע באַשעפֿעניש, כדי ער זאָל זיי אָנרופֿן בײַם נאָמען איז לערן זיך מעינקע, די נעמען פֿון איטלעכן רעדל פֿון זייגער. דו זעסט, אָט דאָס גרעסטע רעדל זעט אויס ווי אַ בוידעם, דערפֿאַר הייסט עס גרויס־בוידעם ראָד (centre wheel). דאָס קלענערע רעדל זעט אויס ווי אַ ביידעמל, הייסט עס קליין־בוידעם רעדל (third wheel). אָט איז אַ ראָד וואָס זעט אויס ווי אַ פּויק, הייסט עס באַראַבאַן (barrel). אין באַראַבאַן געפֿינט זיך די ספּראָנדשינע (spring) וואָס גיט דעם זייגער כוח צו גיין. די ספּראָנדשינע ווערט אויך אָנגערופֿן טרײַב־פֿעדער אָדער פּרודשינע. אָט איז אַ סעקונדע־רעדל, מ'קען אויך זאָגן סעקונדניק

(second hand wheel). דעם סעקונדע־ווײַזער (second hand) טוט מען אָן אויפֿן צאַפּן פֿון פֿערטן רעדל.

בײַ דעם סעקונדע־רעדל פֿלעגט זיך אַוורעמקע פֿאַרקלערן: דעם זין פֿון לעבן פֿון אַ מענטשן טיק־טאַקט די סעקונדע אויס, פֿון דער ערשטער רגע אויף דער וועלט, ביז דעם לעצטן אָטעם, אין שפּעטן בין־השמשות, ביז אין דער אייביקער נאַכט אַרײַן. אָט איז אַן אָנצי־רעדל (winding wheel) אָנצוציען די ספּראָנזשינע. ווען די ספּראָנזשינע גייט אויס, אין אַ מעת־לעתער (אַ זייגער וואָס מ׳דאַרף אָנציען יעדן מעת־לעת) בלײַבט דער זייגער שטיין, ווערט אַנטשלאָפֿן. זייגערס חלומען, שטיינער חלומען. די מומע ביילקע זאָגט אַז אין ימי־המשיח וועלן שטיינער געבאָרן קינדער. די פֿלעגט דערציילן פֿון אַ נביא אַרמילוס וועלכער איז געבאָרן געוואָרן פֿון אַ שטיין. יעדער חומר, איטלעך דומם חלומט. ניט־געבאָרענע קינדער חלומען פֿון אייביק לעבן. פֿון וואָס חלומט אַ זייגער? אַ זייגער חלומט אַז ער האָט שוין געטיק־טאַקט ביז ביאת הגואל, ביז אחרון שבאחרונים, ביז מלכות שמים. אַוורעמקע פֿלעגט אַזויפֿל דערציילן וועגן די חלומות פֿון זייגערס, ווי ער וואָלט אַליין געווען אַ זייגער.

אַ סך נעמען פֿון רעדעלעך האָט ער מיט מיר געלערנט אָן פּירושים, אָן וואונדער־מעשיות: אָט איז אַן אַנקער־ראָד (escape wheel), אָט איז אַן אַנקער־שטיק (pallet), אָט איז אַ וואַל (stem), אָט איז אַ שפּינדל (staff), אָט איז די האָר (hair spring), אָט איז אַ קאַנאָן־פּלאַטע (roller). איטלעך רעדל האָט צוויי שטיינער (jewels). דער שפּינדל האָט פֿיר שטיינער, צוויי פֿון אויבן צוויי פֿון אונטן. נו, דו קענסט שוין די נעמען פֿון די געדערים פֿון אַ זייגער, אונטער דעם ציפֿערבלאַט (face). די נעמען פֿון די גלידער איבער דעם ציפֿערבלאַט זײַנען דייער גרינג צו לערנען: אָט איז דער מינוט־ווײַזער (minute hand); דעם מינוט־ווײַזער טוט מען אָן אויף דעם וועקסל־רעדל (minute wheel); אָט איז דער שעה־ווײַזער (hour hand); אָט איז די שעה־רעדל (קיין „דאָס" איז כּידוע אין דער ליטע ניט געווען); אָט איז דער שעה־ווײַזער (hour hand); אָט איז די שעה־רעדל (hour wheel); אָט איז אַ צאַפּן (pivot).

ס׳האָט מיר אויסגעזען אַז ס׳איז גאָר קיין סוף ניטאָ פֿון דער צאָל רעדער, רעדעלעך, שרויפֿן, שרײַפֿעלעך, זאַכן, זאַכעלעך אין אַ זייגער, אַז כ׳וועל זיך

קיינמאָל ניט אויסלערנען די שווערע מלאכֿה פֿון זייגערמאַכערײַ, אָבער דער פֿעטער אַוורעמקע האָט מיר פֿאַרזיכערט אַז פֿאַר אַן עלף־יאָריקן ייִנגל ווי איך, האָב איך זיך שוין אַזויפֿל אויסגעלערנט אַז איך וועל נאָך אַמאָל זײַן אַן עילוי פֿון זייגערס. יע, פֿאַראַן נאָך אַ סך חידושים אין דעם לעבן פֿון אַ זייגער אָבער ער וועט מיך פֿירן דורך אַלע וועלטן און וועלטעלעך פֿון אַלע מינים זייגערס: מעת־לעתער זייגערס, אַכֿטענער וואַנט זייגערס (אַ זייגער וואָס מ'דאַרף אָנציען איין מאָל אין אַכֿט טעג), שפּיל־זייגערס, זון־זייגערס, שאָטן־און־וואַסער זייגערס. ווען איך האָב געהאַט אַ טעות בײַם צונויפֿשטעלן אַ זייגער, פֿלעגט ער זאָגן: ס'איז מײַן שולד ווײַל איך האָב דיר ניט קלאָר געמאַכֿט אַז די ציינער פֿון איטלעכֿן רעדל מוזן זיך אַרײַנפּאַסן אין דעם טריב (pinion) פֿון שכֿנותדיקן רעדל.

מײַן פֿעטער אַוורעמקע האָט אויך געהאַט די זכֿיה צו באַקומען דעם טיטל דאָקטאָר פֿון זייגערס ווײַל ער האָט געהיילט איטלעכֿן זייגער ווי אַ פּאַציענט. אויב אַ וואַנט־זייגער האָט געשלאָגן זיבן בײַם חצות, פֿלעגט ער זאָגן: דער זייגער איז נע־ונד, פֿאַרבלאָנדזשעט אין שאול תחתיה, האָט פֿאַרלאָרן זײַן זכרון אָבער ס'איז אַ קליינע אָפּעראַציע: כ'וועל צורוקן דעם שעה־ווײַזער פֿון דער זיבעטער צו דער צוועלפֿטער שעה און דער זייגער וועט שוין געפֿינען זײַן זכרון.



אויב אַ וואַנט־זייגער האָט זיך געאײַלט ווי די צײַט וואָלט קיין געדולד ניט געהאַט צו גיין אַזוי פּאַוואָליע, פֿלעגט ער אַרונטערדרייען דאָס שרײַפֿעלע אונטער דעם פּאָמפּעדיקל (pendulum)‏; מ׳האָט אויך געזאָגט פּאָמפּעדיטל, פּענדל־שטיק, אומרו). געדרייט אַ האָרעלע דאָס שרײַפֿעלע, אַמאָל אַרויף, אַמאָל אַראָפּ, אַזוי אַ טאָג אָדער צוויי, ביז די צײַט איז געוואָרן אַזוי פּינקטלעך ווי דער זייגער וואָלט געווען דער אַכטער פּלאַנעט וואָס דרייט זיך אַרום דער זון. אויב זײַן פּאַציענט איז געווען אַ זייגער וואָס קריכט, האָט געווײַזן אַז ס׳איז נאָך נאַכט כאָטש ס׳האָט שוין אָנגעהויבן שאַריען אויף טאָג, פֿלעגט ער אַראָפּדרייען נידעריקער דאָס שרײַפֿעלע אונטערן פּאָמפּעדיקל און דער זייגער האָט שוין ניט פֿאַרגעסן צו דערמאָנען אַז ס׳איז צײַט צו דאַוונען שחרית.

ווען אַ רעדל האָט צעבראָכן אַ צאָן האָט אים אַליין דער צאָן אַזוי ווי געטאָן ווי ס׳וואָלט געווען זײַן אייגענער צאָן. ער פֿלעגט אַרויסזעגן דעם צעבראָכענעם צאָן מיט אַ פֿײַן זעגעלע, אַרײַנשטעלן אַ מעשענעם צאָן, אַרומגלעטן מיט אַ דין, גלאַט פֿײַלעכל אַזוי אָפּגעהיט ביז דער צאָן איז אַרײַנגעוואַקסן אין רעדעלע ווי ס׳וואָלט נאָכאַמאָל געבאָרן געוואָרן.

ווען אַ טויטער זייגער איז לעבעדיק געוואָרן, אין זײַנע הענט, האָט ער געפֿילט ווי יחזקאל הנביא, ווען ער האָט אין זײַנע נביאות געזען ווי די ביינער פֿון מתים ווערן לעבעדיק ווי ער וואָלט געלאָזט די טויטע זייגערס אויפֿשטיין תחית המתים נאָך איידער משיח איז געקומען.

ער פֿלעגט אויסוואָרצלען יעדע קראַנקײַט אינעם זייגער מיט קלאַפּער און קליפּער געצײַג, מיט צוויקערס, מיט שטשיפּטשעס (tweezers), מיט בײַס־צווענגלעך (cutting plyers) און מיט שרויפֿן־ציער (screwdrivers). ער האָט געהאַלטן איטלעך שטיקל געצײַג איבערן זייגער ווי אַ ווירטואָז־פֿידלער דעם בויגן איבער זײַן פֿידל. ס׳האָט מיר אָפּט געדאַכט אַז יעדע שטיקל געצײַג הערט ניט אויף צו באַוואונדערן זײַנע געניטע פֿינגער.

ער האָט אויסגעהיילט יעדעס רעדעלע, אויסגעפּוצט מיט אַ פּוץ־האָלץ איטלעך שטיינדעלע (jewel), האָט אויסגעבערשטלט מיט בענזין דאָס לײַב און לעבן פֿון די זייגער־גלידער, ביז דעם באַראַבאַן. די ספּראָנזשינע אין דעם באַראַבאַן האָט ניט געקענט פֿאַרטראָגן קיין בענזין, נאָר בוימל. צום סוף האָט ער

מיט אַן אייל־געבער דערפֿרישט מיט אַ טראָפּן אייל איטלעך שטיינדל און דער זייגער האָט אָנגעהויבן מיט מזל־ברכה אַ נײַ לעבן.

מײַן פֿעטער אַוורעמקע האָט אַנטפּלעקט סודות אין און אַרום זייגערס. ער האָט געקענט מאַכן אַז די ווײַסע בלעכענע דעקלעך פֿון אַ פּשוטן זייגערל זאָלן ווערן בלוי אָדער שוואַרץ ניט נוצנדיק קיין פֿאַרב. ער האָט עס געטאָן אַזוי: ער פֿלעגט אַרויסנעמען דאָס געווער (דאָס אינגעווייד פֿון זייגערל, מ׳קען אויך זאָגן ווערק), אויסשײַערן מיט גלאָז־פּאַפּיר די שיידלעך (דעקלעך), אויסבאָדן יעדן שיידל אין אייל, האַלטן מיט אַ שטשיפּטשע איטלעך שיידל איבער דעם רויך פֿון אַן אָנגעצונדן ליכטל ביז דער אייל איז געוואָרן אַזוי רײַך מיט רויך אַז מ׳האָט שוין קיין סימן פֿון אייל ניט געזען, ביז דער רויך האָט אײַנגעשלונגען דעם אייל. ווען דאָס שיידל האָט זיך אָפּגעקילט האָט ער עס אַרומגעווישט מיט אַן איידעלן זאַמש און דאָס זייגערל האָט אויסגעזען בלוי. צום סוף האָט ער באַשפּרינקלט דאָס שיידל מיט אַ פֿײַנעם פּאָרעך וואָס ער פֿלעגט עס רופֿן דימענט־שטויב. כדי דאָס זייגערל זאָל ווערן שוואַרץ איז געווען נייטיק איבערצוחזרן נאָכאַמאָל די גאַנצע פּראָצעדור.

אַוורעמקע האָט געלערנט פּויערים, פּאַסטעכער, וואַלד־העקער וועלכע האָבן ניט געהאַט קיין זייגערס צו וויסן וויפֿל דער זייגער איז מיט דער הילף פֿון שאָטנס פֿון ביימער. למשל, אויב דער שאָטן פֿון אַ בוים איז געווען קורץ דורכן טאָג האָט עס געהייסן אַז ס׳איז אַרום צוועלף בײַטאָג. אויב דער שאָטן פֿון אַ בוים איז געווען לאַנג האָט דער פּויער געוואוסט אַז ס׳איז שוין בין־השמשות צײַט.

אין וואָלקנדיקע טעג ווען מ׳האָט דורך די שאָטנס פֿון ביימער ניט געקענט זען וויפֿל דער זייגער איז פֿלעגט ער לערנען די פּויערים ווי אַזוי צו וויסן ווי יונג אָדער אַלט דער טאָג איז מיט דער הילף פֿון צוויי טעפּ. איין טאָפּ איז געווען האַלב פֿול מיט וואַסער, קניענדיק איבערן ליידיקן טאָפּ אַזוי אַז טראָפּנס וואַסער האָבן געטריפֿט אין דעם ליידיקן טאָפּ וואָס איז געווען געצייכנט מיט צוועלף צירקלען געמאַכט מיט אַ שטיקל האַלעוועשקע. ס׳האָט געדויערט אַ שעה ביז די טראָפּנס דערגרייכן פֿון איין צירקל ביז אַ צווייטן אַזוי אַז ס׳איז מעגלעך געווען צו וויסן בערך וויפֿל דער זייגער איז, פֿאַרשטייט זיך, ניט צו דער פּינקטלעכער מינוט.

אין פֿינצטערע אָסיען־נעכט האָט אַוורעמקע געלערנט די פּויערים אַז אַ הויך־אָנגעצונדן ליכט קען אויך ווייזן וויפֿל דער זייגער איז. אויף דעם ליכט זײַנען אויך געווען צוועלף שוואַרצע צירקלען. ווען דאָס ברענענדיקע ליכט האָט דערגרייכט ביז אַ צווייטן קײַלעך האָט עס געמיינט אַ שעה שפּעטער. ווען דאָס ליכט איז שוין כמעט אויסגעגאַנגען און האָט שוין געהאַלטן בײַם „עושה שלום" האָט שוין דער פּויער געוואוסט אַז די נאַכט גייט אויס, אַז אַ נײַער טאָג איז שוין אַזוי נאָענט אָט ווי מיט דער האַנט צו דערלאַנגען, ס'הייסט צײַט צו מעלקן די בהמות, פּאַשען די פֿי אויף דער קומסע (לאָנקע).

אַוורעמקע פֿלעגט זאָגן, אַז זייגערס בלײַבן שטיין ווען זיי ווערן מיד פֿון גיין נאַכט און טאָג, אָן רו, אָן איבערבײַט, אין אייביקן גאַנג. ער האָט געקלערט, אפֿשר שטאַרבן מענטשן אויך ווײַל זיי ווערן פֿאַרמאַטערט פֿון דער איבערחזרונג פֿון נאַכט—טאָג, זומער—ווינטער, אָסיען—ווער אויך, הימל, ערד, זשוק, זשאַבע, כל המינים שהוא. ער האָט מורא געהאַט פֿאַר אַזוינע זינדיקע מחשבות.

ער האָט געזען דעם זייגער ווי דעם מלך פֿון צײַט. ער האָט געפֿרעגט די זייגערס אויב צײַט וועט ווען עס איז שטאַרבן און די זייגערס האָבן אים געענטפֿערט: טיק־טאַק־טאַק־טיק, צײַט וועט לעבן אַזוי לאַנג ווי ס'וועט נאָך זײַן אַ לעבעדיק גרעזעלע אויף דער ערד.

אין פֿרילינגדיקע נעכט האָט ער געזען די זייגערס ווי שטערן. די טעג און נעכט פֿון זייגערס, ווי פֿון מענטשן בלײַבן שטיין. שטערן פֿאַלן, נאָר דער רבונו של עולם קען ברענגען אַ פֿאַלנדיקן שטערן צוריק צום הימל און אים איז באַשערט צו געבן טויטע זייגערס לעבן.

זײַן גרעסטער אויפֿטו איז געווען וואָס ער האָט געמאַכט אַ זייגער וואָס גייט אויף צוריק, צוריק צו אדם הראשון, צו אַ נײַעם בראשית, צו אַ וועלט וואו קיינער וועט נישט שטאַרבן. ווען מענטשן וועלן ווערן אַלט וועלן זיי צוריק אומקערן זיך צו דער קינדהײַט. צוריקגעטראַכט וועט אפֿשר ווערן לאַנגווײַליק פֿון אַזאַ הין־און־צוריק גאַנג. ער האָט ווידער געפֿרעגט די זייגערס און די זייגערס האָבן געענטפֿערט: נאָך תחית המתים וועלן אַלע מענטשן, אַלע חיות, אַלע פֿייגל, פֿון דער קלענסטער מילב ביז צום גרעסטן העלפֿאַנט פֿאַריאָגן דעם טויט אין כף־הקלע.

אַפֿילו דער עלטסטער זקן משותּלח וועלכער האָט געלעבט לענגער ווי אַלע מענטשן אויף דער ערד (969 יאָר) וועט זײַן ווי מיר אַלע אייביק־יונג, אייביק גליקלעך. פֿון יאָר־טויזנט צו יאָר־טויזנט וועלן מיר אַלע זײַן וואונדער איבער וואונדער.

## III

## אַ וואָרט צום סוף

ווײ־ווײ, ניטאָ מײַן פֿעטער אַוורעמקע, דער דייגער־פֿילאָסאָף, דער ייִדישער ייִד וועלכער האָט געזען אַלע הימלען אַלע ערדן אינעם לעבן פֿון אַ דייגער. ווײ און ווינד, ניטאָ אונדזער פֿאַרבענקט שטעטעלע מיכאַלישעק וואָס האָט געהילכט מיט מחיהדיק מאַמע־לשון, מיט גמרא־ניגונים, מיט פֿאַרליבטע פֿאָלק־לידער, מיט די אמתּע לעגענדעס וואָס מײַן מומע ביילקע פֿלעגט דערציילן פֿאַר קינד און קייט. געבליבן זײַנען קללות, חרמות, פֿאַרשאָלטענע נאַציס: אבֿי אבֿות הטומאה.

איך פֿאַרענדיק מיט מײַן ליד „פּאָנאַר":

## פּאָנאַר

פֿאַראַן אַ וואָרט וואָס הערט ניט אויף דאָס ליכט פֿון טאָג צו שרעקן: פּאָנאַר!
פֿרעג מײַן מומע ביילקע אויב פּאָנאַר איז ניט יחזקאלס טאָל.
קומען וועט דער מענטש פֿון טויזנט יאָר אַרום פֿרעגן אין פּאָנאַר:
צי קלאָגט דאָ יחזקאל אין ווינט דאָס געקלאָג פֿון ביינער־טאָל?

ווען מענס געוויין גייט אויף און פֿאַרגייט אין פּאָנאַר: יחזקאלס טאָל?
די אוראַלט פֿאַרשיכורט ווי דער ריח פֿון סאַמיקע בלומען.
דאָס געוויין פֿון דורות הערט גאָר ניט אויף אין פֿאַרשאָלטענעם טאָל.
וואָסער כּוח קען אין פּאָנאַר יחזקאלס געוויין פֿאַרשטומען?

הער, פֿון שטיין קלאָגט מײַן פֿאָלק אַרויס, אָ מענטש פֿון טויזנט יאָר אַרום.
לערן זיך פֿון אַ שטומען דאָס לשון פֿון אַ שטיין דערהערן.
ווייס, דאָ איז געווען אַמאָל אַ רויז דער דאָרן, דער קרומער.
אָ, זאָג אַ וואָרט אַזאַ וואָס קען בײַטן אַ שטיין אויף אַ שטערן.

ווייס, אַ שטומער איז ניט דער וואָס קען דורך וואָרט אַפֿילו ניט וויינען,
אַ שטומער איז דער וואָס קען דאָס לשון פֿון שטיין דאָ ניט פֿאַרשטיין.

## דאַנק וואָרט

אַ דאַנק מײַן שוועסטערקינד גערשקע פּערעצמאַן (ניו־הייוון) פֿאַר זײַן הילף בעתן צוגרייטן
אָט אָ די אַרבעט.